"לאנדאן": אדעסער בערזע

(ביבליאגראפיש טעקסטאלאגישער סך-הכל)

דוגמא: בריוו 1-2

נוסח א: 'קול מבשר צו דער יודישער פאלקס ביבליאטהעק', "ארויסגעגעבען פון שלום-עליכם", אדעס תרנ"ב 1892; א"ט: "'לאנדאן': א ראמאן פון דער אדעסער קליינע-בערזע; פארפאסט פון שלום-עליכם".

נוסח ב: "פראגרעס"-אויסגאבע.

[דער באנד "מנחם-מענדל" אין דער "פראגרעס"-אויסגאבע וועט ברייטער באשריבן ווערן אין אנהייב פון נאכווארט].

אין נוסח א האבן די בריוו געטראגן דאטעס, און די קארעספאנדענץ האט זיך געצויגן פון "ג אייר תר... לפ"ק" (בריוו 1) ביז "כה תמוז תר.. לפ"ק" (בריוו 11). שיינע-שיינדל שרייבט אין איר לעצטן בריוו: "מאזעפעווקע. איך זאל אזוי וויסן פון דיר ווי איך ווייס וואסער טאג מיר האבן! תר... לפ"ק". מנחם-מענדל פארצייכנט דעם טאג מיט די אותיות פון א"ב. שיינע-שיינדל, דאקעגן, מיט ציפערן: "מאזעפעווקע, 7 טעג אין אייר תר... לפ"ק" (בריוו 2).

די ווענדונג אין מנחם-מענדלס בריוו אין נוסח א איז געווען: "לזוגתי הצנועה החכמה מרת שיינע-שיינדל שתחיי". די ווענדונג אין שיינע-שיינדלס בריוו: "לכבוד בעלי הנגיד המפורסם מוה"ר מנחם-מענדל נ"י".

דער טיטל צווישן קלאמערן פאר יעדער בריוו איז א צוגאב פון נוסח ב.

<u>בריוו 1</u>

1 השם-יתברך זאל העלפן / לאז השם-יתברך העלפן

*2 מע זאל תמיד הארכן... אמן./ מע זאל הארכן איינס פונעם אנדערן בשורות-טובות.

3 <u>שטעל דיר פאר</u>

4 <u>מיטן שטעקל</u>

*5 <u>אזוי הייסט...האנדלען</u>: אין נוסח א איז פאראן א הערה אונטן: די גאס, ווו עס געפינט זיך די קליינע בערזע אין אדעס.

**6 <u>מעל ראזשינקעס הערינג</u>

**7 א מאל א כף-הייער... א הונדערטער אויך. / א מאל צוואנציק, א מאל דרייסיק קערבלעך און א מאל אז עס געראט, א פופציקער אויך.

8 <u>הכלל,</u>

*9 א שמש, / א <u>הערשעלע,</u>

10 זוגתי היקרה / מיין ווייב

11* אראפגעפארן / אראפגעפאלן

12** פון דאנען און ווייטער: א הוספה פון נוסח ב.

אין נוסח א ענדיקט זיך דער בריוו: גריס דעם שווער און שוויגער און די קינדערלעך זאלן לעבן גאר פריינדלעך און איך ווינטש דיר געזונט און הצלחה. ממני בעלך מנחם-מענדל

<u>בריוו 2</u>

13** אויף דיין פעטער מנשה געזאגט געווארן,... / אויף די שונאימס קעפ געזאגט געווארן!

פון דאנען און ווייטער, ביז שורה 91 (און דאס, מענדל,...): א הוספה פון נוסח ב.

14 דו שרייבסט, / דו שרייבסט <u>מיר</u>

15 געלט, / א קערבל,

16 <u>אוודאי</u>

17* <u>מיינע שונאים,</u>

18 אט דאס וואס דו האנדלסט מיט דעם? / אט דאס "לאנדאן"?

19 אויף דער וואג? / פון א פאס?

20** היינט פארשטיי איך נישט, ... / פון דאנען און ווייטער איז דער אויסלאז פון בריוו אין נוסח א: היינט פארשטיי איך נישט דאס אנקוועלן, וואס דו קוועלסט אזוי פון דער שטאט אדעס, זי מעג נאך זיין די כפרה פאר אונדזער מאזעפעווקע. דו האסט א פנים גאר פארגעסן, אז דו ביסט מיט גאטס הילף א טאטע פון דריי קינדערלעך און האסט נאך אלץ אין זין די <u>כאראקטערן</u>? אוי, מענדל, דו ווילסט זיך גארנישט שאנעווען? פארבלייב געזונט און פיל גליקלעך און פארגעס נישט, אז דו האסט א ווייב ביז הונדערט און צוואנציק יאר. עס לאזט דיר גריסן איטלעכער באזונדער גאר הערצלעך

פון דיר דיין ווייב שיינע-שיינדל

"לאנדאן": ברייוו 1-2

באגריפן צום פארטייטשן

די באגריפן וועלן דערקלערט ווערן אין געדרוקטן טעקסט אויף יעדער זייט, אונטן.

א לאנדאן

ב כף-האער

?ג הארכט זיי היינט אלעמען מיטן קאטער

אין הארקאווי ווערט פארטייטשט: הערן עמעצן ווי דעם קאטער, אין דער פאזיציע: קאטער

ד בראדסקי

ה יעהופעץ

ו באכראך

ז בארבאש

ח ת"ק

ט שי"ן

י אטקריטקע

יא רי"ש

יב רעמל

יג האסלעך

יד בעסלעך

?טו קרעפלעך

טז פעטשעריצע

יז פאליובאווניצע

מיר האבן פאררעכטן "געשמעיהדיק" אויף "געשמיידיק", לויט דער ארטאגראפיע אין הארקאוויס ווערטערבוך און אין סטוטשקאווס דער אוצר פון דער יידישער שפראך. דאס באשטימען די ריכטיקע ארטאגראפיע אין ספקדיקע פאלן (וואס דאס איז א בייפראדוקט פונעם נאכקוקן צי דאס ווארט איז פארצייכנט אין ווערטערבוך) איז א גרויסע הילף פאר דער רעדאקציע, וואס וועט שוין נישט דארפן נאך א מאל קאנטראלירן. אין יעדער פאל ווען מע פארריכט די ארטאגראפיע קען מען עס טאן נאר לויט די כללים פון איינהייטלעכן יידישן אויסלייג, ווי זיי ווערן דורכגעפירט אין סטוטשקאווס אוצר און אין וויינרייכס ווערטערבוך.

אזעלכע ווערטער ווי סוכה-שער, ארשין א"א ווערן יא דערקלערט אין די ווערטערביכער. אויב אזוי דארף מען זיי נישט דערקלערן נאך א מאל.

די רעדאקטארן דארפן צושטעלן א פרעגצייכן צו די ווערטער וואס זיי זענען נישט זיכער צי מען דארף זיי דערקלערן.

ש"ע-ס אייגענע הערות זענען אן אינטעגראלער טייל פון טעקסט. זיי וועלן געדרוקט ווערן מיט א ספעציעלן סימן.

# „לאנדאן"

## (אדעמער בערזע).

### I.

(מנחם־מענדיל פון אדעס צו זײן ווײב שײנה־שײנדיל אין כתריליעווקע).

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה שײנדיל שתחי'.

ר א ש י ת באתי להודיעך אז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום, השם יתברך זאל העלפען מע זאל תמיד הערען איינס פונם אנדערן נור גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת זײ וויסען אז איך בין גאר ניט אומשטאנד דיר צו בעשרייבען די שטאדט אדעס ווי גרויס און שען זי איז, און די מענשען די הינע מיט זייערע גוטע כאראקטערען, און די גאלדענע געשעפטען, וואס מע קאן דא מאכען. שטעל דיר פאר, איך גײה מיר ארויס מיטן שטעקעל אין ג ר ע צ ק אריין, אזוי הייסט דא אין אדעס די גאס וואו יודען האנדלען, האב איך צוואנציג טויזענד געשעפטלעך: וויל איך ווייץ — איז ווייץ, קלייען — איז קלייען, וואל — איז וואל, מעהל, זאלץ, פעדערן, ראזינקעס, זעק, הערינג — הכלל, וואס א מויל קאן אויסרעדען, געפינסט דו דא אין דעם אדעס. איך האב לכתחלה אפילו אנגעשמעקט א צוויי דריי גוטע געשעפטלעך, נאר עס איז מיר אלץ ניט געווען צום הארצען, האב איך מיך אזוי לאנג ארומגעדרעהט אין „גרעצק" ביז איך האב מיך פארט צוגעשלאגען צו עפיס רעכטס, היינו, איך האנדעל מיט „לאנדאן" און פערדינען דערביי גאר נישטקשה'דיג! מע חאפט א מאל א קף־הײ'ער, א מאל א פופציגער, און א מאל אז עס גערא׳טה, א הונדערטער אויך. הכלל, וואס „לאנדאן" איז אזא מין מסחר, וואס מע קאן דערביי גליקליך ווערען אין איין טאג. אט איז ניט לאנג ארויסגעקומען אהער איינער, עפיס א שמש, און האט געחאפט אין איין „שמע ישראל" דרייסיג טויזענד און

## II.

(שיינה שיינדיל פון כתריעווקע צו איהר מאן מנחם מענדל'ען אין אדעס).

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם מענדיל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטען געזונד, גיב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף וויטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אז עס האט זיך מיר ווידער אנגערופען די אמאליגע ספאזמע, אויף דיין פעטער מנשה געזאגט געווארען,[13] וואס האט דיר געמאכט אזא שענעם מחק פון די פופצעהנהונדערט קערבעלעך[13] נדן, אזא יאהר, אזא מזל! ווי זאגט די מאמע מיינע זאל לעבען: „געשיקט דורך דער קאץ שלח-מנות". וועכסעלעך וואלט איך ביי איהם נעמען! קרענק וואלט איך ביי איהם נעמען! קדחת אויף פינף חדשים! דערסט דו, הלואי איך זאל ליגען זאגען, נאר כ'האב מורא דו ווייסט די איבעריגע קערבלעך נישט אנקוקען ווי דו קוקסט נים אן די אויערן דיינע, וואס דו האסט זיי פארטראגען אזש אהין קיין אדעס. דיין גליק וואס די מאמע ווייסט ניט פון קיין וועכסעלעך; [14] עס וואלט זיך געטהאן חושך! און דאס, מענדיל, וואס דו שרייבסט, [16] אז דו פארדיענסט דאנקען גאט געלד,[15] איז ביי אונז אלעמען אודאי זעהר אנגעלייגט. נאר וואס רען, האב דיר אכציג שווארצע יאהר, מיינע שונאים,[17] אז דו שרייבסט שוין יא, שרייב ושוין ווי א מענש! פאר וואס זאלסט ניט אויסשרייבען אקוראט, וואס איז דאס פאר א מין סחורה אט דאס וואס דו האנדעלסט מיט דעם?[18] ווי מיינער לויט [19] דעם וואס איך ארויסקוק? צי אפשר פערקויפט זיך עס אויף דער וואג? פרעג מיך ברחם וואס דאס איז, און מיט וואס מע עסט דאס! הכנסה פערנסה איך ניט,[20] דו זאגסט אז איך האסט דו איינגעקויפט סחורה



און אט איז שוין דא רוח, וואס איז דאס פאר א מין סחורה, וואס וואכסט ביי דיר אזוי געשמועס'דיג[50] ? „פעטשעריצעס", זאגט די מאמע, בעדארפען אויף א רעגען"! און אז ס'איז דא רוח, פאר וואס פערקויפסט דו ניט! אויף וואס ווארטסט דו? אויף א יקרות? און פאר וואס שרייבסט דו ניט, וואו דו שטעהסט איין און וואס עסט דו, עפים גלייך ווי איך וואלט דיר זיין א פרעמדע. ניט קיין ווייב ביז הונדערט צוואנציג יאהר, נאר עפים א פאליובאווניצע[51] להבדיל, ווי זאגט די מאמע זאל לעבען: „אז א קוה געהט אוועק אין טשערעדע פארגעסט זי דעם זיין געזונד". מיר דאכט, דו זאלסט מיך וועלען פאלגען, וואלסט דו געזעהן אויסהאנדלען זיך וואס גיכער און קומען בעסער אהיים. מיט'ן ביסעל מזומנ'ס, ווערסט דו דיר געפינען שענערע געשעפטען, ווי אט דאס דאזיגע... איך זאל אזוי וויסען פון קדחת, ווי איך ווייס ווי מע רופט עס, און זיי געזונד, ווי עס ווינשט דיר פון טיפען הארצען

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה שיינדיל.

---

113-100

האָרכט זיך היינט אַלעמען מיט'ן קאָמער. איך זאָג דיר, זוגתי היקרה, ממש עס וואַלגערט זיך דאָ געלד אין די גאַסען! איך האָב ברוך השם קיין חרטה ניט, וואָס איך בין אַראָפּגעפאָהרען אַהער קיין אָדעס. וועסט דו דאָך פרעגען, ווי קום איך קיין אָדעס, אַז געפאָהרען בין איך גאָר קיין קעשענעוו? אפנים אַז ס'איז מיר באַשערט פון גאָט איך זאָל פערדינען גראָבע עטליכע קערבלעך! אָט וועסט דו הערען, ווי אַזוי דער אויבערשטער פיהרט מיט אַ מענשען.

אַז איך בין געקומען קיין קעשענעוו צום פעטער מנשה אָפּנעמען דאָס נדן, פרעגט ער מיך וואָס בעדאַרף איך דאָס נדן? זאָג איך: מסתמא דאַרף איך; איך זאָל ניט דאַרפען, וואָלט איך ניט קומען. זאָגט ער, אַז קיין מזומן געלד האָט ער איצט ניט. ער קאָן מיר, זאָגט ער, געבען איין אַנווייזונג צו בראָצקי'ן קיין יעהופּעץ. זאָג איך: לאָז זיין קיין יעהופּעץ, אַבי געלד. זאָגט ער, ער ווייסט ניט, צי אין יעהופּעץ איז איצטער דאָ געלד. ער קאָן מיר געבען, זאָגט ער, איין אַנווייזונג צו באַבראַבען קיין וואַרשאַ. זאָג איך: לאָז זיין קיין וואַרשאַ, אַבי געלד. זאָגט ער, וואָס טויג דיר וואַרשאַ? וואַרשאַ איז ווייט. אויב איך וויל, קאָן ער מיר געבען, זאָגט ער, איין אַנווייזונג צו באַרבאַשען קיין אָדעס. זאָג איך: לאָז זיין אָדעס, אַבי געלד. זאָגט ער מיר נאָך אַ מאָל: אויף וואָס דאַרפסט דו אַזוי געלד? זאָג איך איהם: מסתמא דאַרף איך; איך זאָל ניט דאַרפען, וואָלט איך ניט קומען. בקיצור, ער דרעהט זיך אַהער־אַהין, עס האָט איהם אָבער געהאָלפען ווי אַ טוידטען באַנקעס; איך אַז איך זאָג געלד איז געלד! געהט ער און נעמט אַרויס צוויי וועכסעלעך צו ת"ק קערבלעך אויף סך הכל פינף חדשים, און אויף ש"ן קערבלעך גיט ער מיר איין אַנווייזונג צו באַרבאַשען קיין אָדעס, און דאָס איבעריגע גיט ער מיר מזומן, וועט מיר זיין, זאָגט ער, צו שטייער אויף דער הוצאה. און מחמת איך האָב קיין צייט ניט מאַך איך דאָס בקיצור, אי"ה אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אויסשרייבען אַלצדינג באריכות. זיי געזונד און לאָז גריסען שווער און שוויגער. און די קינדערלעך זאָלען לעבען [illegible] גאָר פריידלעך.

דיין בעלן מנחם מענדיל.

עיקר שכחתי. אַז איך בין געקומען מיטן אַנווייזונג צו באַרבאַשען, זאָגט מען מיר, אַז דאָס אַנווייזונג איז גאָרניט קיין אַנווייזונג. וואָס רעדט איז דאָס? ס'איז אַ סוכה'שער! לאָז פריהער אָנקומען, זאָגען זיי, פון אייער פעטער מנשה דער וואַגאָן ווייץ, און לאָז מען אַקאָרשט די ווייץ פערקויפען, וועט מען אייך דערמאָלט געבען געלד. אַ שענע מעשה נאָר אַ קורצע! האָב איך באַלד אַוועקגעשריבען קיין קעשענעוו „אַנ'אָטקריטקע" און האָב איהם געשריבען, אַז טאָמער שיקט ער ניט אַרויס תיכף ומיד די ווייץ, וועל איך איהם קלאַפּען אַ דעפּעש. בקיצור אַ שרייב אַהער, אַ שרייב אַהין — איך בין אַרומגעגאַנגען אין איינע יסורים, און ערשט נעכטען איז מיר אָנגעקומען פון קעשענעוו אַ מזומנ'ער הונדערטער און אויף די ש"ן קערבלעך אַ וועכסעלע. איצינד פערשטעהסט דו שוין, פאַר וואָס איך האָב דיר די גאַנצע צייט ניט געשריבען? איך האָב גערעכענט, אַז די ש"ן קערבלעך וועלען לעזאָל. דערפון זעהט מען אַרויס, אַז אַ מענש טאָר ניט איבערטראַכטען אויף'ן ערגסטען, ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס פיהרט אויס. איך האָב דאָס גאַנצע ביסעל מזומנ'ס אַריינגעבראַכט אין „לאָנדאָן" אַריין, איינגעהאַנדעלט אַ רעמעל סחורה, „האָסלעך" און „בעסלעך", און דאַנקען השם יתברך, מע זאָגט אַז ס'איז שוין דאָ רֶוַח!

הנ"ל.